


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

**געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.**
**צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק**
**און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.**
**וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין**
**צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.**

**זרע שמשון הלימוד שמשפיע ישועות**

פרשת ויצא תשפ"ו
גליון 443

## אמרות שמשון

### יעקב אבינו האט מורא ארויפצוגיין אויפן לייטער

***וַיַּחֲלֹם וְהִנֵּה סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה וְהִנֵּה מַלְאֲכֵי אֱלֹקִים עֹלִים וְיֹרְדִים בּוֹ*** (כח, יב). עס שטייט אין מדרש (ילקוט שמעוני ויצא רמז קכ"א), דער אויבערשטער האט געוויזן פאר יעקב אבינו ווי די שרים פון יעדע פאלק (בבל, מדי, יון, און אדום) גייען ארויף אויפן לייטער און קומען נאכדעם צוריק אראפ (דאס איז מרמז, אז זיי וועלן ווערן דערהויבן, אבער דערנאך וועלן זיי דערנידערט ווערן).

**און** דער אויבערשטער האט געזאגט פאר יעקב אבינו ער זאל אויך ארויפגיין אויפן לייטער, האט יעקב אבינו מורא געהאט און געפרעגט: "אזוי ווי אלע אנדערע קומען צוריק אראפ, וועל איך אויך מוזן צוריק אראפקומען?" האט דער אויבערשטער געענטפערט: "אויב דו גייסט ארויף וועסטו קיינמאל נישט דארפן אראפקומען".

**אבער** יעקב אבינו האט נישט געגלייבט און איז נישט ארויף אויפן לייטער. האט דער אויבערשטער געזאגט אויב וואלסטו געגלייבט וואלטן דיינע קינדער נישט געגאנגען אין גלות, אבער יעצט אז דו האסט נישט געגלייבט און ביסט נישט ארויף אויפן לייטער וועלן דיינע קינדער גיין אין גלות.

**דער** פשט דערפון איז, ח"ו צו זאגן אז יעקב אבינו האט נישט געגלויבט אינעם אויבערשטן (אז איינמאל ער גייט ארויף, וועט כלל ישראל קיינמאל מער נישט דערנידערט ווערן, און נישט דארפן גיין אין גלות), נאר יעקב אבינו האט נישט געגלייבט אז כלל ישראל וועט נישט זינדיגן, און אויב כלל ישראל וועט זינדיגן, און זיי וועלן נישט קענען גיין אין גלות צו מכפר זיין אויף זייערע עבירות, וואלטן זיי חלילה פארפאלן געווארן און נישט געקענט האבן א כפרה.

**דעריבער** האט יעקב אבינו מורא געהאט ארויפצוגיין אויפן לייטער אויס זארג אז זיינע קינדער - כלל ישראל - וועלן זינדיגן און נישט קענען נתכפר ווערן אויף זייערע עבירות. (אות ב' ד"ה ואפשר עוד

### עשירות פון די אבות פארשפרייט די נאמען פונעם אויבערשטן

***וּפָרַצְתָּ יָמָּה וָקֵדְמָה וְצָפֹנָה וָנֶגְבָּה וְנִבְרְכוּ בְךָ כָּל מִשְׁפְּחֹת הָאֲדָמָה וּבְזַרְעֶךָ*** (כח, יד). די סיבה פארוואס די אבות הקדושים האבן פארמערט זייער פארמעגן און זענען געווען זייער רייך, וויבאלד דורכדעם האבן זיי געקענט פארשפרייטן די גרויסקייט פונעם באשעפער, און ווייזן פאר די גאנצע וועלט אז דער אויבערשטער באצאלט און באלוינט זיינע צדיקים.

**דערמיט** האבן זיי פארמערט גרים איבער די וועלט. אזוי אויך האבן זיי מיט די געלט געקענט געבן צו עסן פאר ארימעלייט, און דורכדעם האבן זיי זיך מתגייר געווען, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (בראשית רבה מט, ד) אז אברהם אבינו האט אויפגעשטעלט א געצעלט און געגעבן צו עסן פאר דורכגייער, דערמיט האט ער געמאכט גרים און פארשפרייט די אמונה אינעם אויבערשטן.

**דעריבער** שטייט צוערשט אין פסוק ***וּפָרַצְתָּ יָמָּה וָקֵדְמָה וְצָפֹנָה וָנֶגְבָּה***, א ברכה אז יעקב אבינו זאל זיך פארמערן מיט עשירות און הצלחה, און נאר נאכדעם שטייט, ***וְנִבְרְכוּ בְךָ כָּל מִשְׁפְּחֹת הָאֲדָמָה וּבְזַרְעֶךָ***. ווייל די הצלחה און ברכה וועט צוברענגן אז די גאנצע וועלט זאל זיך אפלערנען פון אים. (אות י"ט ד"ה ועוד י"ל)

### יעקב אבינו וויל נישט קיין שמירה בדרך נס

***אִם יִהְיֶה אֱלֹקִים עִמָּדִי וּשְׁמָרַנִי בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי הוֹלֵךְ*** (כח, כ). דער מדרש פרעגט, ווי אזוי האט יעקב אבינו געקענט זאגן 'אם יהיה אלקים עמדי' (בלשון ספק - אויב דער אויבערשטער וועט זיין מיט מיר), ער האט דאך קלאר באקומען א צוזאג פונעם אויבערשטן אז ער וועט אים אפהיטן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שם, טו) ***וְהִנֵּה אָנֹכִי עִמָּךְ וּשְׁמַרְתִּיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תֵּלֵךְ***.

**נאר** דער פשט איז, די הבטחה פונעם אויבערשטן צו אפהיטן יעקב אבינו איז 'שמירה בדרך נס' (דער אויבערשטער זאגט צו 'ושמרתיך בכל אשר תלך', סיי וואו דו וועסט נאר זיין, נישט קיין חילוק אין וועלכע מצב, וועל איך דיר אפהיטן אפילו למעלה מדרך הטבע), וואס דעמאלטס רעכנט מען אראפ פון די זכותים פונעם מענטש.

**און** וויבאלד יעקב אבינו האט נישט געוואלט מען זאל אראפרעכענען פון זיינע זכותים, האט ער געדאווענט און צוגעזאגט א נדר ***אִם יִהְיֶה אֱלֹקִים עִמָּדִי*** אויב דער אויבערשטער וועט מיר אפהיטן בזכות מיין תפילה און נדר וואס איך מאך יעצט, און נישט בדרך נס.

**דאס** איז מרומז אין די ווערטער ***וּשְׁמָרַנִי בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה*** דער אויבערשטער וועט מיר אפהיטן אויף די אופן וואס איך בעט, בדרך הטבע נישט בדרך נס, וואס דעמאלטס וועט נישט אראפגערעכנט ווערן פון די זכותים. (אות ז' ד"ה ואידך

בקרוב גם באידיש!
ספר
זרע שמשון
יום יום
להשיג בכל חנויות הספרים



תורמים
ורואים ישועות
אל תחמיצו!
שמות התורמים יתברכו
אצל גדולי הדור שליט"א
בשעת לימודם
בספר זרע שמשון.
הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.
02-80-80-500
05271-66450
347-496-5657
/https://www.zerashimshon.co.il/donation

הוצאת הגליון
והפצתו לזכות

לעילוי נשמת

האשה הצדקנית
דורה בת אסתר ע"ה
נלב"ע י"ט תשרי תשפ"ו

הרב אברהם בן
אליעזר ז"ל הולץ
נלב"ע ב' כסלו תשפ"ד

מזכה הרבים ועוסק בצדקה
וחסד לרוב
רבי ניסים בן שרה
ז"ל מוגרבי
נלב"ע י"ג סיון תשפ"ה

הרה"ח רבי אברהם
עביר ב"ר ישעיה ז"ל
האללענדער
נלב"ע ט' כסלו תשל"ז

מרת רחל לאה בת
יוסף הולנדר ע"ה
נלב"ע ט' כסלו תשנ"ג
הוקדש ע"י
אהרן ושיינדל הולנדר

ת.נ.צ.ב.ה.

כל הישועות

אליאס בן אסתריה
ובנו רפאל בן סופיה
שיזכו להצלחה וברכה מיוחדת
בכל עסקיהם עושר וכבוד
מתוך נחת

מרדכי בן רחל
לישועה והצלחה בכל העניינים
בריאות איתנה פרנסה בשפע
מתוך מנוחת הגוף והנפש בלי
שום הפרעות ורדיפות ושיתבשר
בשורות טובות בקרוב ממש

דניאל אורי
בן רג'ינה מלכה
לשפע ברכה והצלחה עושר
וכבוד בקרוב ממש

אשר אנשיל דוד
הלוי בן נילי
לשפע ברכה והצלחה גדולה
בכל עושר ואושר בקרוב

ברוך צבי ניסים
בן שושנה לאה
להצלחה גדולה בכל מעשי ידיו
ופריצת דרך בעסקיו בקרוב ויזכה
לשפע ועושר רב

שרה שרון בת
סופיה • יוכבד
ג'ובנה בת מירב
תמר • אוראל
משה בן לימור
• שלום בן לילי
שיזכו לזיווג הגון מתוך אושר
נחת ושמחה בקרוב ממש

אברהם בן אסתרייה
• מנואל בן רבקה
• יעקב בן רחל
• רמון רחמים בן
רחל • לואיס בן
שרה • איסאק חיים
בן אדילה • דבורה
בת יטע
שישלח ה' להם רפואה שלימה
והחלמה מהירה בכל גופם ויהיה
להם אריכות ימים ושנים טובות
ומתוקות לשמחתם
ולשמחת כל משפחתם

# די סגולה פון אות ה'

## א בריוו צו די חברי המערכת פון הרבני הנכבד הרה"ח רבי מנחם בנימין פאשקעס שליט"א

### מראשי האיגוד העולמי להפצת תורת זרע שמשון



לכבוד די חשוב'ע כותבים און עורכים פון דעם חשוב'ן גליון 'זרע שמשון' וואס קומט ארויס דורך האיגוד העולמי להפצת תורת זרע שמשון.

צוערשט וויל איך ארויסברענגען בדברי שבח, אז איך בין אויך א חלק פון די טויזנטער אידן פון איבער דער וועלט וואס זענען זוכה - בזכות אייערע גליונות - צו לערנען און הנאה האבן פון די תורות פונעם הייליגן זרע שמשון זי"ע. וואס איז באקאנט איבעראל אלס א פועל ישועות, ווי טויזנטער אידן האבן שוין זוכה געווען צו געהאלפן ווערן בזכות'ן לערנען זיינע ספרים, 'זרע שמשון' און 'תולדות שמשון'. און מען דערקענט אייער ארבעט און הארעוואניע, עס זאל זיין שוה לכל נפש אז יעדער זאל קענען פארשטיין די ווערטער פונעם צדיק, אשריכם ואשרי חלקכם.

אינעם גליון פון פרשת לך לך האט איר אראפגעברענגט די ווערטער פונעם זרע שמשון אויפן פסוק 'ויוצא אותו החוצה', ווי רבינו ערקלערט די איבריגע אות ה' פון דאס ווארט 'החוצה', אז די אות ה' איז מסוגל פאר קינדער, ווייל עס איז מרמז אויף חמשה חומשי תורה, וואס קומט לערנען אז בזכות התורה איז נישטא קיין מזל פאר כלל ישראל, און עס איז מבטל אלע עניני הטבע און מזלות. און עס איז מבואר פון זיינע ווערטער אז די אות ה' איז מרמז פאר ישועות מעל דרך הטבע.

מען קען צולייגן צו דעם, לויט ווי עס איז באקאנט פונעם זוהר הק' אין פרשת פנחס, אז די אות ה' איז מסוגל צו געהאלפן ווערן מיט זרע של קיימא, פונעם פסוק "הא לכם זרע". און אזוי ווערט אויך געברענגט פון פריערדיגע ספרים, אז ס'איז ראוי אז אין דעם נאמען פון די פרוי זאל זיין די אות ה', ווייל עס איז מסוגל פאר זרע של קיימא. און אזוי אויך ווערט עס דערמאנט עטליכע מאל אין זרע שמשון.

מיט עטליכע יאר צוריק, האבנדיג א זכי' צו זיין א שותף לדבר מצוה מיטן בויען די נייע מקוה אין קהילת ייטב לב דסאטמאר, האט דער סאטמארער רבי שליט"א דעמאלטס פארטיילט דעם מסוגל'דיגן גאלדענעם ה' קייטל פאר אלע משתתפים. און אביסל שפעטער, ווען מ'האט זיך נאכאמאל משתתף געווען, האב איך נאכאמאל באקומען אזא קייטל, וואס איז מסוגל בדוק ומנוסה פאר זרע של קיימא, אזוי ווי עס ווערט געברענגט פונעם חיד"א אין זיין ספר 'מספר קדמות', ווי ער איז מעיד אז אין ארץ ישראל האבן אסאך געטון די סגולה און זענען געהאלפן געווארן.

דעמאלטס האב איך טאקע מיטגעהאלטן ווי די סגולה איז בדוק ומנוסה, האבנדיג א ידיד וואס האט געהאט צוויי קינדער וואס האבן געווארט אפאר יאר פאר קינדער. איך האב אים געשאנקען ביידע קייטלעך, און נאך א יאר זענען ביידע קינדער געהאלפן געווארן - ביי איינעם איז געבוירן געווארן א יונגל און ביי דער צווייטער א מיידל.

זאל דער אויבערשטער העלפן, אלע וואס ווארטן אויפגעראכטן צו ווערן מיט זרע של קיימא און אין אנדערע ענינים, זאלן בקרוב געהאלפן ווערן בזכות דעם גרויסן זכות פונעם הייליגן זרע שמשון, און דער זכות פון לערנען זיינע ספרים און ארויסהעלפן צו פארשפרייטן די לומדים, זאל ביישטיין פאר אונז אלע, להיפקד בדבר ישועה ורחמים בקרוב.

**מנחם בנימין פאשקעס**

מתוך ברכת והבטחת הרב המחבר

רבנו **שמשון חיים נחמני** זלה"ה

בבקשתו ותחינתו בהקדמת ספריו

'למען אחי רעי ותלמידי ישאו את שמי על שפתם, ועל הטוב יזכר שמי בפיהם אחר מותי, כאשר בעשר לשונות של תפילה אני מחלה פניהם, ובעל הגמול ישלם במיטב חי אריכי ומזוני טפי לגומלי חסדים טובים'.

* * *

'כאשר אני מחלה פניהם בעשר לשונות של תפילה לברוד המנה היפה אשר ייטב בעיניהם בחידושים הללו, ובפרט אחרי מותי כי לימודם יהיה לי להשיב נפש ולעידון רוח ולזכות נשמתי, וצדקה תהיה להם וצדקתם תעמוד להם לאכול בעוה"ז ולשבוע בעוה"ב, ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת כמותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי'.

* * *

'ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת כמותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי'. 'ועיניכם תראינה בנים בני בנים כשתילי זיתים סביב לשולחנכם, חכמים ונבונים, ובתים מלאים כל טוב, גם עושר גם כבוד לא יסופו מזרעכם'.

(איבערגעזעצט פון לשון הקודש)


ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.

צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו

זרע שמשון ע"ר 580624120